פארוואס האט באטוויניק פארלוירן דעם וועלט־טיטל

פון הערי גאלאמבעק

דער ארמענישער גראנדמייסטער פון שאך, טיגראן פעטראסיאן, איז געווארן דער נייער טשעמפיאן שאך שפילער פון דער וועלט. מיט 12½ פוינטס האט ער באזיגט באטוויניקס 9½ פוינטס אין א קאנטעסט וואס האט געדויערט צוויי חדשים.

באטוויניק האט אזוי ארום פארלוירן דעם טיטול פון וועלט טשעמפיאן וואס ער האט געטראגן זינט 1948.

עס איז אינטערעסאנט, אז די ביידע טיטולן פון וועלט־טשעמפיאנען שאך־שפילער, צו דעם מאן און צו דער פרוי זיינען אריינגעפאלן צו פערזאנען וועלכע שטאמען פון קאווקאזער ראיאן, פון סאוועטן פארבאנד. פעטראזיאן שטאמט פון ארמעניע און נאנא גאפרינדאשווילי פון געארגיא.

דער קאמף פארן טיטול איז געווען דראמאטיש. אין דער ערשטער העלפט פון דער שפיל האט באטוויניק אטאקירט און פעטראזיאן האט זיך פארטיידיקט. אבער באטוויניק האט אלץ מער און מער ארויסגעוויזן מידקייט און פעטראזיאן האט אין דער צווייטער העלפט ארויסגעוויזן אגרעסיוויטעט און גענומען א פולשטענדיקן זיג.

כדי צו געווינען איז נויטיק צו איבערשטייגן מיט 1½ פוינטס. עס איז אים אנגעקומען גרינג. און עס שטעלט זיך די פראגע ווארום האט עס פאסירט? מען נעמט אן, אז דאס האט ניט צו טאן בלויז מיט פעאיקייט און געשיקטקייט. ביידע שפילער צייכענען זיך אויס אויף די געביטן. מען מוז זוכן די סיבה ערגעץ אנדערש.

די ערשטע סיבה ליגט אין עלטער. באטוויניק איז 52 יאר אלט, מיט אכצן יאר עלטער פון פעטראזיאן וועלכער האט אין דער צייט פון קאנטעסט־שפיל געפייערט זיין 34־טן געבורטסטאג. עס איז געווען טאקע אן אנשטרענגונג פאר באטווינקן צו זיצן 5 שטונדן א טאג ביי דער שאך־שפיל. מען האט טאקע באמערקט, אז אויב ער האט געמאכט געוויסע טעותן איז עס געווען אין דער פינפטער שטונדע, ווען ער האט אויסגעקוקט מיד.

א צווייטע אורזאכע — באטוויניק האט זיך ניט צוגעגרייט אזויפיל וויפיל עס איז געווען נויטיק ער איז געווען צופיל זיכער מיט זיך. ער האט ווארשיינלעך ניט געהעריק אפגעשאצט די געשיקטקייט און פעאיקע סטראטעגיע פון זיין אפאנענט.

אין אלגעמיין איז עס אבער געווען א קלאסישער קאנטעסט וואס וועט פון די שאך שפילער פיל אפגעשאצט ווערן.

◆

אפאריזמען און ווערטלאך

מען קען זיין א שטערן, און ניט הענגען אין דער לופטן.

מען קען זיין א לידיקגייער און האבן א סך פלענער.

ווער עס הייראט אויס ליבע פון דער זעלבער שטאט, העלפט דעם גורל שמידן זייער גליק.

הסתדרות זומער־טורס קיין ישראל

רעקאמענדירט
צוגעפאסט צו
אייערע טרוימען

פרייזן
צוגעפאסט צו
אייער בודזשעט

מיר באטן אן פיר סארטן טורס
גאלדען אניווערסארי טורס

דאטומס	אלץ איינגעשלאסן אין ישראל לאנדונג אראנזשירונגען אין אייראפע	בלויז פייער — איינשליסנדיק אפשטעל אין אייראפע
	1035	660
יולי 14 ביז אויגוסט 12	1055	685
יולי 16 ביז אויגוסט 10	960	685
יולי 17 ביז אויגוסט 7	980	585

זומער־טורס

אויגוסט 4 ביז אויגוסט 30 928
יולי 15 ביז סעפטעמבער 9 790 (43 טאג אין ישראל, 14 אין אייראפע)

יום־טוב טורס

סעפט. 15 ביז אקטאבער 10 889
סעפט. 15 ביז אקטאבער 17 989

אן אויסוואל פון ים־קרוזעס הערט אויך אנגעבאטן

פאר פולע אינפארמאציע שרייבט אדער טעלעפאנירט :

גרייטן זיך צו שליסן הסתדרות קאמפיין

מארי טאפער, דער טשערמאן פון הסתדרות קאמפיין האט אנאנסירט, אז די פארזאמלונג צו שליסן דעם הייאריקן קאמפיין וועט פארקומען מיטוואך, דעם 26־טן יוני.



ל. סעדלעצקי

ביי דער דאזיקער פארזאמלונג וועט דער ראיאן־דירעקטאר, בערנארד מאריס, געבן זיין באריכט וועגן די פינאלע רעזולטאטן, און די קענוועסערס וועלן באערט ווערן פאר זייערע באמיאונגען צו מאכן דעם קאמפיין פאר א דערפאלג.

י. כאמיש

צווישן די וועלכע האבן זיך גוט אויסגעצייכנט אין די ארבעטן פון קאמפיין זיינען: ל. כאמיש, דזשארדזש גרינבערג, דזש. ב. בארארעצקי, דזש. סאטלער, ל. סעדלעצקי, ב. דזשייקאבסאן, י. כאמיש און דזש. ס. פייערמאן, טשערמאן פון דער קענוועסער בריגאדע איז מר. גרינבערג וועלכער איז לעצטנס באערט געווארן ביי דער נאציאנאלער הסתדרות קאנווענשן אין מאנטרעאל.

דזשארדזש גרינבערג

מארי טאפער

◆

רחל שזר, 'ערשטע ליידי' פון מדינת ישראל

רחל קאצנעלסאן שזר, די פרוי פון דריטן נשיא פון ישראל, איז איינע פון די גרעסטע פרויען־געשטאלטן אין דעם קולטור לעבן פון לאנד. א גרינדערין פון דער ארבעטער פרויען באוועגונג, וועלכע האט דערצויגן צוויי דורות פרויען צו זייערער געזעלשאפטלעכע פאראנטווארטלעכקייטן. זי איז אלע יארן געווען ענג פארבונדן מיט דער פיאנערן פרויען ארגאניזאציע, שוועסטער ארגאניזאציע פון מועצת הפועלות.

רחל שזר איז א זשורנאליסט, עסייאיסט און ליטעראטור קריטיקער. פאר איבער 25 יאר, און ביז מיט א קורצער צייט צוריק, איז זי געווען די רעדאקטארין פון „דבר הפועלות", דער איינגארטיקער מאנאטלעכער זשורנאל פון דער מועצת הפועלות. זי האט אויך רעדאגירט א זאמלבוך פון די ערשטע חלוצות, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פון דער פיאנערן פרויען ארגאניזאציע אין אידיש אונטערן נאמען „וואס ארבעטערינס דערציילן", ווי אויך אין אן ענגלישער איבערזעצונג פון מאריס סעמועל.

אין 1958 איז רחל שזר געווען די איינציקע פרוי צו באקומען די ישראל־פרעמיע לכבוד 10 יאר מדינת ישראל, און אין 1959 האבן איר די פיאנער פרויען באערט מיט דער חיים גרינבערג ליטעראַרישער פרעמיע.

קאדיע מאלאדאווסקי, די גרויסע דיכטערין, האט געשריבן וועגן רחל שזר (די פיאנערן פרוי, מאי־יוני, 1958):

„רחל שזר האט בלי ספק גרויסע פארדינסטן פון הייבן דעם קולטור־ניווא פון דער פרוי אין ארץ ישראל, און אפשר נאך מער, פאר פארמירן די שטעלונג פון דער געזעלשאפט צו דער פרוי און אירע דערגרייכונגען".

איינדרוקן פון דער היסטארישער 5־טער הסתדרות־קאנווענשאן

פון בערנארד מאריס

די פינפטע הסתדרות קאנווענשן פון קאנאדער הסתדרות האט איבערגעלאזט אנגענעמע איינדרוקן און זכרונות. די אלגעמיינע מיינונג פון די מערב־קאנאדע דעלעגאטן איז, אז עס איז געווען א באמת היסטארישע קאנווענשן.

מאנכע פון אונזערע דעלעגאטן, ווען די רעדן פון דער קאנווענשן אונטערשטרייכן זיי אויך געוויסע קריטישע באמערקונגען, אבער אין אלגעמיין גיבן זיי צו, אז די קאנווענשן איז געווען א דערפאלג און זיי רעדן מיט א געפיל פון דאנקבארקייט צו די וועלכע האבן דורכגעפירט אזוי פינקטלעך די פראגראם און אלץ ארגאנזירט אזוי געשיקט און אויסגערעכנט, אז די דעלעגאטן זאלן קריגן דעם מאקסימום פון הנאה און באקוועמליכקייט.

די דאזיקע קאנווענשן, מיט 300 דעלעגאטן פון גאנץ קאנאדע, האט זיך קאנצענטרירט אויף איין גרויסן ציל, דער ציל פון שטארקן די הסתדרות און ישראל און גלייכצייטיק איז אויך געווען דער ווילן פון אריינברענגען דעם גייסט פון חבר'שאפט און פריינטשאפט. אט די אנגענעמע חבר'שאפט איז געווען באזירט אויף דעם גרויסן ציל וואס האט אונדז אלעמען פארבונדן. יעדער איינער פון אונז האט געפילט ווי ער איז א טייל פון א גרויסער הומאניטארער אויפגאבע, וואס פארבינדט אונז ענג מיט די אידעאליסטישער בויער פון מדינת ישראל.

פאר די יעניקע דעלעגאטן וועלכע האבן זיך קיינמאל ניט באטייליקט אין א קאנווענשן איז עס געווען באמת אן אויסערגעוויינלעכע דערפארונג פון וועלכע זיי האבן פיל גענאסן. פאר פילע פון אונז איז עס געווען, צום ערשטן מאל, א געלעגנהייט זיך צוזאמענקומען נאענט מיט מענער און פרויען, וועלכע האבן זיך בלב ונפש איבערגעגעבן צו אונזער גרויסן אידעאל פון העלפן און דעם אויפבוי פון א געזונטן לעבן אין דעם אידישן לאנד אויף די יסודות פון אחדות און סאציאלע גערעכטיקייט. יעדער איינער האט געפילט ווי עס העלפט שרייבן א גלארייכן קאפיטל אין דער געשיכטע פון דער הסתדרות.

פילע פון די עלטערע דעלעגאטן האבן געזוכט די פנים'ער פון חברים וועלכע מען האט שוין לאנגע ניט געזען. די צייט נעמט אוועק פון דער סצענע א טייל פון די וועלכע זיינען פילע יארן געשטאנען ביי דער ארבייט פאר דער הסתדרות. און ווער ווייסט וויפל פון די וועלכע מיר האבן געזען ביי דער איצטיקער קאנווענשן וועלן קאנען דערלעבן צו קומען צו דער נעקסטער קאנווענשן אין עטלעכע יאר ארום. מיר, די אינגערע, מוזן טראכטן וועגן אט די עלטערע חברים וועלכע האבן געשאפן די באוועגונג וועלכע פארבינדט אונז אין דעם גרויסן ציל וואס איז אונז אלעמען אזוי טייער. ווען עס וואלטן ניט געווען אזעלכע חברים ווי משה דיקשטיין און אנדערע פון זיין דור, וואלטן מיר זיכער ניט געהאט דאס וואס די הסתדרות האט דערגרייכט. דעריבער זיינען מיר ספעציעל באפרידיקט צו זען פנים'ער פון יונגע דעלעגאטן, געבוירענע און דערצויגענע אין קאנאדע וועלכע פארנעמען די ערטער פון די עטלעכע חברים וועלכע זיינען שוין מער ניט מיט אונז.

מאנכע פון אט די יונגע מענשן האבן אפשר קיינמאל ניט געהערט פון באראכאוו'ן און פון קאצנעלסאן. אבער, יעדער איינער פון זיי ווייסט וואס די הסתדרות איז און באגרייפט וואס די דאזיקע וואונדערבארע ארגאניזאציע האט אויפגעטאן פאר מדינת ישראל. זיי ווייסן אז טויזנטער אידן זיינען געראטעוועט געווארן א דאנק דער הסתדרות. אויב זיי ווייסן ניט פון ביאליקן און פון פרץ'ן ווייסן זיי אבער פון „קופת חולים" און די „עמל" פאך־שולן וועלכע ווערן געבויט אין ישראל, געשטיצט מיט די פאנדן פון קאנאדער הסתדרות קאמפיין און זיינען גרייט מיט אלע כוחות צו ארבעטן פאר אט די אינסטיטוציעס.

אין אלגעמיין האט די קאנווענשן פיל אויפגעטאן פארן ציל צו אינספירירן די דעלעגאטן און זיי געבן מוט און קוראזש פאר דער צוקונפט. דער ציל פון א קאנווענשן איז דאך, אז מיר זאלן זיך צוזאמענקומען און הערן רעדנער וועגן די צילן און די אויפגאבן מיט וועלכע מיר פארנעמען זיך; צו הערן וואס מ'האט אויפגעטאן אין דער פארגאנגענהייט, וואס איז נויטיק צו טאן איצט און וואס מיר דארפן פלאנירן צו טאן אין דער צוקונפט. די קאנווענשן האט זיכער דערפילט די דאזיקע גרויסע אויפגאבן.

די דעלעגאטן פון אונזער ראיאן זיינען זיכער געווען צופרידן מיט אלץ; צופרידן מיט די אראנזשיר ארבייטן וואס איז געטאן געווארן פון סטעף־מיטגלידער פון אונזער נאציאנאלן אפיס; צופרידן מיט דעם סארט רעדנער וועלכע זיינען געלאדן געווארן; צופרידן מיט די דעבאטן און פארהאנדלונגען וואס האבן דערהויבן די קאנווענשן, צוגעפאסט צו די גרויסע צילן מיט וועלכע די קאנווענשן האט זיך פארנומען.

יעקב קאצמאן באגריסט די קאנווענשאן אין נאמען פון אידיש נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד

STADRUT-MEANS NATIONAL
SOCIAL VISION
BUILDING
STATE OF ISRAEL

פון רעכטס צו לינקס: בערנארד שעין, ווייס־פרעזידענט א.ל.ג.וו.יו. יוניאן; הערי לויטמאן, ווייס־פרעזידענט פון דער אמאלגעמייטעד יוניאן; קלאוד זשאדוועז, פרעזידענט קאנאדער לייבאר־קאנגרעס; סעם קרייזמאן, מענעדזשער טאראנטער קלאוקמאכער יוניאן; סאל ספיוואק, מענעדזשער טאראנטער אמאלגעמייטעד.

THE JEWISH POST
Winnipeg, Manitoba

אידישע ביילאגע

א וויכטיקער עקספערימענט

מיט ארויסגעבן אט די אידישע ביילאגע צו דער „דזשואיש פאוסט" האבן מיר אפגעשלאסן אן עקספערימענט צו ארויסגעבן א מאנאטלעכע אידישע ביילאגע אין דעם פאריקן ווינטער־סעזאן. אין אט די ספעציעלע זייטן האבן מיר זיך באמיט צו געבן אונדזערע לייענער אן איבערזיכט איבער געשעענישן אין אידישן לעבן וואס זאל באפרידיקן אינטעלעקטועל און זאל סטימולירן צו געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן.

מיר האבן געקראגן קאמענטארן פון מאנכע לייענער וועגן דער דאזיקער ביילאגע וועלכע זיינען זייער דערמוטיקנדיק, ספעציעל וועגן דער קוואליטעט און וויכטיקייט פון דעם אויסגעקליבענעם לייען־מאטעריאל. מיר אנערקענען, נאטירלעך, אז עס איז אונדז אוממעגלעך צוצושטעלן די סאמע לעצטע ידיעות, ווען מיר נעמען אין אכט אז עס דויערט איבער צוויי וואכן פון דער צייט וואס מיר שטעלן צו די מאטעריאלן ביז מיר קאנען עס קריגן געדרוקט אין מאנטרעאל — מיר קאנען עס ליידער ניט קריגן געדרוקט אין וויניפעג.

מיר האבן דערווייל נאך ניט קיין באשלוס, אז מיר זאלן אט אזא ביילאגע ארויסגעבן אויך קומענדן יאר. עס ווענדט זיך דער עיקר אן די לייענער. דעריבער בעטן מיר אט די וועלכע האבן א געפיל דערפאר, אז זיי זאלן אונדז שרייבן און אויסדריקן זייער ווילן. מיר מוזן האבן די מיינונגען פון די לייענער איידער מיר באשליסן צו אנהאלטן די אידישע ביילאגע נאך א יאר, וואס איז קאסטבאר סיי אין געלט און סיי אין צייט. מיר דאנקען אלע די וועלכע האבן אונדז געהאלפן אין דעם פארגאנגענעם סעזאן און מיר האפן צו באנייען אונדזערע פארבינדונגען מיט זיי קומענדן הארבסט.

טוביה בעהאם קערט זיך אום קיין ישראל

טוביה בעהאם — דער עקזעקוטיוו דירעקטאר פון הסתדרות קאמפיין אין דעם פאסיפישן ראיאן האט געמאלדן דעם נאציאנאלן אפיס וועגן זיין באשלוס זיך אומקערן צוריק קיין ישראל וואו ער פלאנירט אריינגיין אין פריוואטע ביזנעס.

ט. בעהאם איז א גראדואירטער לאיער פון לאנדאן סקול אוו לאו, און פארלויף פון די 4 יאר וועלכע ער האט געדינט דעם קאנאדער קאמפיין האט מר. בעהאם געמאכט א וויכטיקן ביישטייער אויף דעם געביט פון צוציען יונגערע מענער און פרויען סיי אין דעם פאסיפישן ראיאן, סיי אין וויניפעג, וואו ער איז אויסגעליען געווארן צו רעארגאניזירן די קאמפיין אדמיניסטראציע און וואו ער האט פארבראכט א יאר צייט.

מר. בעהאם האט געשאפן באדינגונגען אין דער מערב קאנאדער טעריטאריע וואו דער הסתדרות אפיל האט אנגעפאנגען אריינדרינגען אין קרייזן פון יונגערע געשעפטסלייט און פראפעסיאנאלן.

דער נאציאנאלער אפיס פון קאנאדער הסתדרות באדויערט וואס מר. בעהאם האט באשלאסן צו פארלאזן זיין אמט. די נאציאנאלע פירער פון קאנאדער קאמפיין פארשטייען אבער אז טוביה בעהאם איז באשלאסן צוריקצוקערן זיך אהיים און צו זיין פראפעסיע, ווינטשן מיר אים פיל הצלחה אין זיינע פלענער.